**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 3/15/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

**גאווערנער האוקול אנאנסירט פארענדיגונג פון 8.4 מיליאן דאלערדיגע צוגענגליכע האוזינג דעוועלאפמענט אין בינגהעמטאן**

***אויפלעבונג פראיעקט פירט ווייטער דעם סטעיט׳ס אינוועסטירונג אין שטאט׳ס ׳נאָרט אָוו מעין׳ געגנט מיט 23 ענערגיע-שפארעדיגע צוגענגליכע שטובער***

***אינוועסטירונג דערגאנצעט ״סאָוטערן טיער סאָורינג״ — דער ראיאָן׳ס אויספירליכע סטראטעגיע אויף ווידער-אויפלעבן געגנטער און וואקסן דער עקאנאמיע***

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט געמאלדן דער אנהויב פון אן 8.4 מיליאן דאלערדיגן צוגענגליכע האָוזינג דעוועלאפמענט אין בינגהעמטאן׳ס נאָרט אָוו מעין געגנט. דער פארשפרייטער ארט פראיעקט, באקאנט אלס דער ׳נאָרט אָוו מעין׳ אויפלעבונג, וועט שאפן 23 מאדערנע און ענערגיע-שפארעדיגע צוגענגליכע דירות איבער זיבן באזונדערע לאקאציעס אויף צפון פון מעין סטריט. די ערשטע פון די פיר דירות וועלן גיין צו וועטעראנען מיט פיזישע אומפעאיגקייטן.

״פאר אלע ניו יארקער קומט זיך די מעלות וואס א צוגענגליכע דירה אין א בליענדן געגנט קען צושטעלן און אונזערע ווייטערדיגע אינוועסטירונגען אין בינגהעמטאן וועלן ברענגען א מער זיכערע, געזונטערע און שטערקערע שטאט,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״די ווידער-אויפלעבונג באמיאונגען אין דעם ׳נאָרט אָוו מעין׳ געגנט וועלן ערזעצן נאכגעלאזטע סטרוקטורן און ליידיגע לאָטס מיט מאדערנע, זיכערע און באקוועמע הײמען אין ענערגיע-שפארעדיגע געביידעס דורך ארבעטן אינאיינעם מיט אונזערע ארטיגע צוזאמארבעטער קענען מיר ווייטער פינאנצירן פראיעקטן לענגאויס דעם סטעיט, וועלכע פארשטערקערן און בויען איבער אונזערע קאמיוניטיס פון אונטן ארויף.״

׳נאָרט אָוו מעין׳ אויפלעבונג איז א שטאנדטייל פון גאווערנער האוקול׳ס ארומנעמענדע פלענער צו מאכן האָוזינג מער צוגענגליך, יושר׳דיג און סטאביל. היי-יאר שטייט דער סטעיט גרייט צו גרייכן דעם ציל פון איר איצטיגע האָוזינג פלאן פון שאפן און אפהיטן 100,000 צוגענגליכע הײמען און 6,000 מיט שטיצע סערוויסעס. גאווערנער האוקול בויעט אויף דער ערפאלגרייכע באמיאונג מיט א פארשלאג פאר א נייע 25 ביליאן דאלערדיגע, פינף-יעריגע האָוזינג פלאן וואס וועט שאפן און אפהיטן נאך 100,000 צוגענגליכע דירות אין אינער-שטאטישע און מער דארפישע ערטער לענגאויס ניו יארק אריינגערעכנט 10,000 מיט אונטערהאלט סערוויסעס.

אויף זעקס עקזיסטירנדע געביידעס געבויט ביים ענדע 19׳טן און אנהייב 20׳סטן יארהונדערט וועט דורכגעפירט ווערן באדייטנדע רענאוואציעס און א נייע געביידע מיט פיר דירות וועלן זיין געבויט אויף א ליידיגע לאָט ביי 95 וואלנאט סטריט. די זיבן ערטער זענען אלע אין א פיר-בלאקיגע שטרעקע איינס פון דעם אנדערן.

אלע 23 דירות וועלן זיין צוגענגליך פאר הויזגעזינדער וואס פארדינען ביז 60 פראצענט פון די מיטל-פונקט פארדינסטן אין דעם געגנט. פיר דירות וועלן אויסגעשטעלט ווערן צו אקאמאדירן יחידים מיט פיזישע דיסאַביליטיס וועלכע וועלן האבן צוטריט צו סערוויסעס צוגעשטעלט דורכ׳ן סאוטערן טיער אינדעפענדענס צענטער. פריאריטעט פאר די וואוינונגען וועט געגעבן ווערן פאר מענטשן וועלכע האבן געדינט אין דער ארמיי פון די פאראייניגטע שטאטן.

יעדע געביידע וועט נאכקומען ענווייראָנמענטאל-גינציגע אויסשטעל סטאנדארטן און וועלן האבן ענערגיע-שפארעדיגע אייגנשאפטן ווי ׳ענערדזשי סטאַר׳ עפלייענסעס, ענערדזשי סטאר באלייכטונג און נידעריג-VOC געבוי מאטעריאלן. די זעקס עקזיסטירנדע געביידעס וועלן זיין וועטעריזירט צו פארבעסערן הייצונג און קילונג שפארעוודיגקייט.

דער ׳נאָרט אָוו מעין׳ אויפלעבונג פראיעקט איז דער צווייטער סטעיט-פינאנצירטער איבערארבעטונג אין בינגהעמטאן׳ס ׳נאָרט אָוו מעין׳ געגנט. אין 2020, איז קאנסטרוקציע אויף דער קראנדאל-נאָרט סטריט אויפלעבונג פראיעקט וועלכע האט געשאפן 37 צוגענגליכע היימען און קאמערציעלע ערטער ביי פארשפרייטע לאקאציעס אויף קראנדאל סטריט און נאָרט סטריט. דער דעוועלאפער פון ביידע פראיעקטן איז ׳פירסט וואָרד׳ אקציע קאונסיל.

סטעיט פינאנצירונג פאר די ׳נאָרט אָוו מעין׳ רעכנט אריין פעדעראלע און סטעיט נידריגע-איינקונפט האוזינג שטייער קרעדיטס וועלכע וועלן אויפטרייבן 5.4 מיליאן דאלאר אין ווערד און 2.4 מיליאן דאלאר אין סאבסידי פון ׳ניו יארק סטעיט האומס ענד קאמיוניטי ריניועל׳. אין צוגאב האט דער ניו יארק ׳וועטערעזאציע הילף פראגראם צוגעטיילט 76,000 דאלער צו דעם פראיעקט. די ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט האט געגעבן 23,000 דאלער אין שטיצע. די שטאט בינגהעמטאן וועט צושטעלן 355,000 דאלער.

**׳האומס ענד קאמיוניטי ריניועל׳ קאמיסיאנערין רוט-ענע וויסנאוסקאס האט געזאגט,** ״בינגהעמטאן׳ס ׳נאָרט אָוו מעין׳ געגנט גייט דורך א טראנספארמאציע וועלכס וועט פארבעסערן לעבנס-קוואליטעט פאר סיי לאנג-יעריגע איינוואוינער און סיי דעם נעקסטן דור. אין צוזאמענארבעט מיט די ׳פירסט וואָרד׳ אקציע קאונסיל, רענאווירן מיר נאכגעלאזטע געביידעס לענגאויס דעם געגנט, שאפנדיג 23 נייע הויכע קוואליטעט וואוינונגען אויף ליידיגע לאָטס וועלכס וועט פארברייטערן צוטריט צו צוגענגליכע האוזינג געלעגנהייטן פאר מער ניו יארקער, אריינגערעכנט די וועלכע האבן געדינט אונזער לאנד.״

**NYSERDA פרעזידענטקע און CEO דאריען עם. האריס האט געזאגט,** ״NYSERDA פריידט זיך צו שטיצן דעם ׳נאָרט אָוו מעין׳ אויפלעבונג פראיעקט, וועלכע ווייזט ענערגיע-שפּאָרעדיגע אייגנשאפטן און מאטעריאלן וועלכע וועלן פארזיכערן די באקוועמליכקייט פון בינגהעמטאן׳ס נידעריגע איינקונפט איינוואוינער און וועטעראנען וועלכע רופן דעם געגנט זייער היים. אזוי ווי דער פראיעקט און פילע אנדערע איבער׳ן סטעיט ווערן אנגעהויבן, זעען מיר גאווערנער האוקול׳ס קלארע אנטשלאסנקייט צו מאכן צוגענגליכע האָוזינג צוטריטליך און געזונט פאר אלע ניו יארקער.״

**עקזעקיוטיוו דירעקטאר פון ׳פירסט וואָרד׳ אקציע קאונסיל דזשערי עם. ווילארד האט געזאגט,** ״עס איז א גרויסע פארגעניגן צו קענען זיך היינט פרייען איבער די קאנסטרוקציע וועלכע וועט עלימינירן נאכגעלאזטקייט און איבערבויען האָוזינג בלאק ביי בלאָק אין די ׳נאָרט אָוו מעין׳ געגנט מיט די קריטיש-וויכטיגע שטיצע פון ניו יארק סטעיט ׳האומס ענד קאמיוניטי ריניועל׳, די שטאט בינגהעמטאן, אנטוויקלונג מאנשאפט מיטגלידער און פריינט און שכנים.״

**סטעיט סענאטאר פרעד אקשאר האט געזאגט,** ״זיכערע, סטאבילע, און צוגענגליכע האוזינג איז א העכסט-נייטיגע טריט אין העלפן די נויטבאדערפטיגע אין אונזער קאמיוניטי זיך צוריקצושטעלן אויפ׳ן וועג

צו סוקסעס. אונזערע וועטעראנען האבן גאר אסאך מקריב געווען, און דאס ווייניגסטע וואס מיר קענען טון אלס א דאנקבארע קאמיוניטי איז צו העלפן נאכקומען זייערע גאר עיקר׳דיגע געברויכן ווען זיי קערן זיך אום אהיים.״

**אסעמבליפרוי דאנע לופארדא האט געזאגט,** ״איך וויל דאנקען ניו יארק סטעט ׳האומס ענד קאמיוניטי ריניועל׳, דער ׳פירסט וואָרד׳ אקציע קאונסיל, און דער שטאט בינגהעמטאן פאר זייערע אנגייענדע באמיאונג צו אויפלעבן דעם ׳נאָרט אָוו מעין׳ געגנט. אלס אן אדוואקאט ביי דער סטעיט שטאפל פאר צוגענגליכע האָוזינג, פריידט עס מיר צו זען דעם מאס סטעיט און ארטיגע אינוועסטירונג אין דער שטאט בינגהעמטאן׳ס האָוזינג געברויכן. די פאקוס אויף דיסעיבעלד וועטעראנען פאר עטליכע פון די יוניטס איז איבערהויפט געשעצט.״

**קאונטי עקזעקיוטיוו דזשעיסאן גארנאר האט געזאגט,** ״עס פריידט מיך צו זען ווי דער פראיעקט וואס שאפט 23 נייע יוניטס פון צוגענגליכע האָוזינג לאזט זיך אין גאנג און איך שעץ איבערהויפט אז פיר יוניטס וועלן זיין באשטימט פאר דיסעיבעלד וועטעראנען. די אנטוויקלונג דערגאנצעט די ארבעט וואס מיר טוען ביי דער קאונטי שטאפל צו העכערן די צוטריטליכקייט פון צוגענגליכע האָוזינג. מיר דאנקען ניו יארק סטעיט HCR, ׳פירסט וואָרד׳ אקציע קאונסיל און מיינע צוזאמארבעטער אין סטעיט און ארטיגע רעגירונג פאר זייער שטיצע פון דעם פראיעקט.״

**מעיאר דזשערעד עם. קרעהעם האט געזאגט,** ״דער פראיעקט וויטערט די אויפלעבונג פון בינגהעמטאן׳ס ׳נאָרט אָוו מעין׳ געגנט און לייגט צו צו די וואקסנדע צאל נייע צוגענגליכע האָוזינג יוניטס אין דער שטאט. ווייניג געגנטער אין דעם סאוטערן טיער האבן געזען אזוי ווי פיל אינוועסטירונג אדער טראנספארמאציע אין לעצטערע יארן אלס NoMa, וועלכס איז געווארן א מוסטער פאר׳ן גאנצן סטעיט אויף שכינות׳דיגע אויפלעבונג. די שטאט שטאלצירט זיך צו ארבעטן איניינעם מיט דעם ׳פירסט וואָרד׳ אקציע קאונסיל און ניו יארק סטעיט צו ווייטער אינוועסטירן אין אונזערע געגנטער, רעדוצירן נאכגעלאזטקייט און שאפן העכסט-נויטיגע, הויכע-קוואליטעט, צוגענגליכע האָוזינג פאר פאמיליעס אין בינגהעמטאן.״

**פארשנעלערן ״סאָוטערן טיער סאָורינג״**

דער היינטיגער מעלדונג דערגאנצעט ״סאָוטערן טיער סאָורינג״, דער ראיאן׳ס אויספירליכע בלופרינט אויף צו שאפן שטארקע עקאנאמישע וואוקס און קאמיוניטי דעוועלאפמענט. דער ראיאניש-געאייגנטער פלאן קאנצענטרירט זיך אויף צוציען א טאלאנטפולע ארבעטסקראפט, וואקסנדע ביזנעסער, און טרייבן אינאוואציע. איצט טוט דער ראיאן פארשנעלערן ׳סאָוטערן טיער סאָורינג׳ מיט א 500 מיליאן דאלערדיגע סטעיט אינוועסטירונג דורך דעם אפסטעיט ווידער-אויפלעבונג איניציאטיוו. דער סטעיט׳ס 500 מיליאן דאלער אינוועסטירונג וועט באלוינען פריוואטע ביזנעסער אויף צו אינוועסטירן פיל מער ווי 2.5 ביליאן דאלער — און דער ראיאן׳ס פלאן, ווי איינגעגעבן, טוט פאראויסזען ביז 10,200 נייע צוגעקומענע דזשאבס. מער אינפארמאציע איז צו באקומען דא.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך אויסשרייבן